ב"ה

# טעראפי

גליון 59

- ענקזייעטי
- דיפרעסיע
- פאביעס
- עדיקשאנס
- או.סי.די.
- פאניק אטאקעס
- סעלף קאנפידענס
- א.ד.ג.

געקליבענע בריוון פון ספר עצתו אמונה - ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב - בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## ווי אזוי קען איך אוועקווארפן מיינע שלעכטע געוואוינהייטן?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך בין א 15 יעריגע בחור, איך האב געהאט זייער א שווערע עבר, מ'האט מיר אסאך פארשעמט און געשלאגן, און דאס האט מיר געמאכט פיינט האבן צו זיין א איד, איך האב נאר געטראכט אז איך וויל ווערן א גוי, איך האב זיך געקויפט א סמארטפאון און צאמגעקוקט דאס ערגסטע.*

*דער אייבערשטער האט מיר אבער געהאלפן אז איך בין אנגעקומען צו אייערע שיעורים און דאס האט מיר ממש געטוישט מיין בליק אויפ'ן לעבן, איך האב אנגעהויבן זען אז אידישקייט איז נישט אזוי שלעכט, יעצט וויל איך שוין זיין א פשוטער ערליכער איד, אבער די אלע עבירות אין וואס איך בין שוין געווארן צוגעבינדען, מאכן מיר זייער שווער אנצוגיין, איך קען זיך ממש נישט שלאגן מיט מיין יצר הרע, אפשר קענט איר מיר מחזק זיין איך זאל קענען זיין א פשוטער ערליכער איד?*

*א גרויסן יישר כח פאר אלעס.*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת אמור, י"ז אייר, ל"ב לעומר, שנת תשע"ח לפרט קטן

לכבוד הבחור ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך בעט דיר זייער זאלסט זיך מחזק זיין מיט אלע דיינע כוחות צו זיין פריילך, ווייל ביים אייבערשטן איז זייער חשוב א מענטש וואס טוט תשובה.

### פון יעדע פראבלעם איז דא א וועג ארויס

וואויל איז דיר אז דו האסט אפגעלאזט דיינע שלעכטע מעשים; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תנחומא נח, ח): "**אֵין מַכָּה בָעוֹלָם שֶׁאֵין לָהּ רְפוּאָה**", אויף יעדע מכה איז דא א רפואה און אין יעדע פראבלעם איז דא א וועג ארויס, "**רְפוּאָתוֹ שֶׁל יֵצֶר הָרַע, תְּשׁוּבָה**", וואס איז דא רפואה פאר די יצר הרע? תשובה; ווען א מענטש האט געטון עבירות רחמנא לצלן איז זיין רפואה ער זאל תשובה טון און זיך צוריק קערן צום אייבערשטן. איך בעט דיר זייער, ווארף אוועק דיין סמארט-פאון; דאס איז נישט קיין גוטע זאך און עס וועט דיר נישט ברענגען קיין גוטס. ווייל אז מען קוקט שמוציגע זאכן ווערט מען אויסגעריסן אויך פון דער וועלט; דער יצר הרע רוהט נישט ווי לאנג ער רייסט אויס דעם מענטש סיי פון דער וועלט און סיי פון יענע וועלט.

### צו וואס דארפסטו דעם צרה?!

ר' אברהם בן ר' נחמן האט געזאגט: "**דער ס"מ וויל נישט צונעמען פונעם מענטש בלויז זיין רוחניות, ער וויל אים אויך צונעמען זיין גשמיות - זיין לעבן אויף די וועלט, ער וויל אים הרג'ענען אינגאנצן**"; אז מען קוקט שמוץ רחמנא לצלן פארלירט מען דעם מח און אז מען האט נישט קיין מח האט מען גארנישט, פרעג איך דיר: "צו וואס דארפסטו דעם צרה?!"

### מען קען זיך יא אפשיידן

איך ווייס אז עס איז זייער שווער אוועק צו ווארפן א סמארט-פאון, ווייל דאס איז ספעציעל אזוי אויסגעשטעלט צו כאפן דעם מענטש'ס מוח, עס ציט און ציט ביז מען ווערט ממש צוגעקלעבט צו דעם, מיט דעם אלעם האט א מענטש א כח צו זאגן: "איך דארף דאס מער נישט"; אזוי ווי דער רבי האט געזאגט פאר א איד וואס איז געקומען פרעגן ווי אזוי עס קען זיין אז א מענטש האט א בחירה; אויב מען איז צוגעקלעבט צו שלעכטע מעשים ווי איז שייך צו זאגן פארן מענטש: "דו האסט א בחירה?" עס איז דאך אומעגליך זיך אפצושיידן פון א געוואוינהייט וואס מען האט זיך צוגעוואוינט צו טון! האט אים דער רבי געזאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן קי): "**עס איז זייער פשוט צו פארשטיין דער ענין פון בחירה; אויב מען וויל טוט מען עס, און אז מען וויל נישט טוט מען נישט**"; שרייבט ר' נתן (שם): "איך האב מיר פארצייכנט וואס דער רבי האט אים געענפערט, ווייל זייער אסאך מענטשן זענען זיך טועה אין דעם, זיי פרעגן די קשיא: "ווי איז שייך צו זאגן אז איך האב א בחירה, ווען איך קען מיר נישט אפשיידן פון מיין געוואוינהייט וואס איך האב זיך צוגעוואוינט צו טון?" דערפאר מיינען זיי אז עס איז טאקע אומעגליך ארויסצוקריכן פון דעם, אבער באמת איז נישט אזוי, נאר יעדער מענטש האט שטענדיג א בחירה און קען אויפהערן טון שלעכטע מעשים.

פאלג מיר, ווארף אוועק דיין סמארט-פאון, זיי א העלד! אפילו קיינער ווייסט נישט אז דו האסט דאס, דו שפילסט אויס דיינע עלטערן און דיינע מגידי שיעורים וכו', ווייז אבער פארן אייבערשטן אז דו ווילסט זיין גוט; דער אייבערשטער בעט (שיר

השירים רבה ה, ב): "פִּתְחוּ לִי פֶּתַח כְּחֻדָּהּ שֶׁל מַחַט, וַאֲנִי אֶפְתַּח לָכֶם כְּפִתְחוֹ שֶׁל אוּלָם", עפן מיר אויף א קליינע טיר אזוי ווי די שפיץ פון א נאדל און איך וועל דיר נאכדעם העלפן; אז דו וועסט אוועק ווארפן דיין פאון, דו וועסט אויפהערן קוקן די עקעלדיגע מאוויס, דורכדעם וועסטו זוכה זיין צו זיין אן ערליכער איד.

### ארום גיין מיט א שמייכל א גאנצן טאג

איך בעט דיר נאכאמאל, שטארק דיר און זיי פרייליך, דורכדעם וועסטו מצליח זיין, אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המידות, אות שמחה, חלק ב', סימן א): "מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד, עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ", ווער עס איז שטענדיג פרייליך דער איז מצליח; זאלסט זען ארום צו גיין מיט א שמייכל א גאנצן טאג.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

### ווי אזוי שפירט מען א טעם אין תורה, ווען מאוויס איז מיר געשמאקער?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*וואס קען איך טון אז איך קען נישט מיך נישט קאנצענטרירן צו לערנען, איך האב א חברותא ביינאכט אבער מיין קאפ פליעט מיר ארום.*

*איך שפיר נישט קיין הנאה אין לערנען, איך פיל נאר א געשמאק אין קוקן מאוויס און שלעכטע זאכן. איך וויל אויפהערן ווייל מיינע קינדער ווערן שוין עלטער, איך בין זייער שטארק מקנא ווען איך זע מענטשן לערנען אין בית המדרש מיט געשמאק, אבער ווען איך זעץ זיך לערנען איז עס מיר זייער שווער און מיין קאפ פליט שנעל אוועק.*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת חקת, ו' תמוז, שנת תשפ"א לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

### דיין ענטפער ליגט אין דיין שאלה

ליין איבער דיין שאלה, וועסטו זען אז אין די ווערטער פון די שאלה - ליגט די ענטפער. דו שרייבסט אז דו האסט נישט קיין געפיל צו לערנען, דו קענסט זיך נישט קאנצעטרירן, דיין קאפ פליט אוועק ביים לערנען, דו ווייסט נישט וואס צו טון; א שורה נאכדעם שרייבסטו אז דו האסט א געפיל אין קוקן מאוויס, - דאס איז די ענטפער; ווייל אז דו קוקסט מאוויס, דו היטסט נישט דיינע אויגן, דו קוקסט עבירות רחמנא לצלן - נו, וואס ווילסטו? וואס טראכסטו, נאכן קוקן עבירות ווילסטו שפירן א טעם אין לערנען און דאווענען? קוקן ניאוף פארשטאפט די הארץ און די מח, מען קען נישט שפירן קיין טעם אין רוחניות אז מען היט נישט די אויגן.

### ווארף אוועק די געטשקעס

אז דו ווילסט שפירן א טעם אין עבודת השם, אז דו ווילסט שפירן א טעם אין לערנען די הייליגע תורה - זאלסטו אוועק ווארפן דיינע כלים אויף וואס דו קוקסט עבירות. זיי מקיים די מצוה וואס שטייט אין די הייליגע תורה (דברים יב, ג): "וְנִתַּצְתֶּם אֶת מִזְבְּחֹתָם וְשִׁבַּרְתֶּם אֶת מַצֵּבֹתָם, וַאֲשֵׁרֵיהֶם תִּשְׂרְפוּן בָּאֵשׁ, וּפְסִילֵי אֱלֹהֵיהֶם תְּגַדֵּעוּן, וְאִבַּדְתֶּם אֶת שְׁמָם מִן הַמָּקוֹם הַהוּא"; די כלים איז א שטיק עבודה זרה, גלוי עריות און שפיכות דמים; צעברעך די כלים, ווארף אוועק די געטשקעס און זאלסט זיך אסאך אויסוויינען צום אייבערשטן ביי ברכת התורה: "וְהַעֲרֶב נָא ה' אֱלֹקֵינוּ אֶת דִּבְרֵי תוֹרָתְךָ בְּפִינוּ וּבְפִיּוֹת עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל", הייליגער באשעפער מאך מיר זיס דיין תורה, מאך מיר געשמאק דיין תורה, "וְנִהְיֶה אֲנַחְנוּ וְצֶאֱצָאֵינוּ", איך בעט דיר אייבערשטער, העלף מיר און מיינע קינדער, "וְצֶאֱצָאֵי צֶאֱצָאֵינוּ", און מיינע אייניקלעך, "כֻּלָּנוּ יוֹדְעֵי שְׁמֶךָ וְלוֹמְדֵי תוֹרָתֶךָ לִשְׁמָהּ", אלע זאלן מיר וויסן פון דיר, דיר דינען און לערנען די הייליגע תורה.

**זיי א העלד! אפילו קיינער ווייסט נישט אז דו האסט דאס, דו שפילסט אויס דיינע עלטערן און דיינע מגידי שיעורים, ווייז אבער פארן אייבערשטן אז דו ווילסט זיין גוט**

### אויסוויינען ביי די ברכה פון אהבת עולם

אויך זאלסטו זיך גוט אויסוויינען ביי די ברכה פון אהבת עולם. מוהרא"ש זאגט (סידור עת רצון, ברכת אהבת עולם): "וּצְרִיכִים לִשְׁפֹּךְ דְּמָעוֹת כַּמַּיִם בְּאָמְרוֹ וְהָאֵר עֵינֵינוּ בְּתוֹרָתֶךָ", מען דארף זיך אויסוויינען, גיסן טייכן טרערן ביי די ווערטער והאר עינינו בתורתך, "כִּי הַכֹּל תָּלוּי בִּקְדֻשַּׁת הָעֵינַיִם", ווייל אלעס ווענדט זיך אין די אויגן; "כִּי אִם אֵין הָאָדָם נִזְהָר בִּשְׁמִירַת הָעֵינַיִם רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן", אויב מען היט נישט די אויגן, "וּמִסְתַּכֵּל בִּמְקוֹמוֹת הַמְזֹהָמִים", מען קוקט אין שמוציגע פלעצער, "עַל יְדֵי זֶה נֶחֱשָׁכוֹת עֵינָיו", ווערט פארטונקלט די אויגן, "וְאֵינוֹ זוֹכֶה שֶׁיָּאִירוּ עֵינָיו בַּתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה", מען איז נישט זוכה צו זען די ליכטיגקייט פון די תורה, "כִּי מִי שֶׁפּוֹגֵם בְּעֵינָיו, אֵינוֹ זוֹכֶה שֶׁיִּצְטַיֵּר לוֹ הָאוֹר לִבְרָכָה", ווייל אז מען היט נישט די אויגן קען מען נישט האבן קיין געפיל אין די תורה.

גיי אביסל התבודדות, רעד צום אייבערשטן; בעט אים דו זאלסט האבן די כוחות צו היטן דיינע אויגן, בעט אים אויף דיין אייגענע שפראך דו זאלסט שפירן א טעם אין לערנען, בעט אים אזוי לאנג ביז דו וועסט זוכה זיין צו שפירן די זיסקייט וואס ליגט אין די תורה.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

**די ליגנט אז דער אייבערשטער דארף מיך נישט**
**וואס טוט מען ווען מען האט נישט קיין ברויט צום טיש?**
**איז דא אן עצה גרינגער איינצושלאפן?**

*קוקט ארויס אויף די קומענדיגן גליון בעז"ה!*

צו באקומען די גליון וועכענטליך אויף אימעיל,
טעקסט אייער אימעיל אדרעס צו: 347.651.1218
אדער שרייבט צו: trpy458@gmail.com
**קול ברסלב 212.444.9191 / בא"י 0797040066**